פאָטער, דעם שטן, און די שלעכטע גליסטונגען פון
אייער פאָטער ווילט איר טון. ער איז געווען אַ
רוצח פון אָנהויב אָן, און איז נישט געשטאַנען אין
דעם אמת, ווייל עס איז קיין אמת אין אים נישט
פאַראַן. ווען ער רעדט שקר, רעדט ער פון דעם,
וואָס איז זיין אייגן, ווייל ער איז אַ ליגנער, און
45 דער פאָטער פון שקר. אָבער ווייל איך זאָג
46 דעם אמת, גלויבט איר מיר נישט. ווער פון אייך
באַשולדיקט מיך וועגן אַ חטא? אויב איך זאָג דעם
47 אמת, פאַרוואָס גלויבט איר מיר נישט? ווער עס
איז פון ג־ט, דער הערט די ווערטער פון ג־ט;
צוליב דעם הערט איר נישט, ווייל איר זענט נישט
48 פון ג־ט. די יידן האָבן געענטפערט, און געזאָגט
צו אים: צי זאָגן מיר דען נישט ריכטיק, אַז דו
49 ביסט אַ שומרוני, און האָסט אַ בייזן גייסט? האָט
ישוע געענטפערט: איך האָב נישט קיין בייזן גייסט,
נאָר איך גיב אָפּ כבוד צו מיין פאָטער, און איר
50 זענט מיך מבזה. איך אָבער זוך נישט מיין כבוד;
51 עס איז פאַראַן איינער, וואָס זוכט און משפּט. באמת,
באמת זאָג איך אייך: אויב עמיצער וועט אָפּהיטן
מיין וואָרט, וועט ער בשום אופן נישט זען דעם
52 טויט אויף אייביק. האָבן די יידן צו אים געזאָגט:
איצט ווייסן מיר, אַז דו האָסט אַ בייזן גייסט. אברהם
איז געשטאָרבן, און די נביאים; און דו זאָגסט: אויב
עמיצער וועט אָפּהיטן מיין וואָרט, וועט ער בשום
אופן נישט טועם זיין פּונם טויט אויף אייביק.
53 ביסטו דען גרעסער פון אברהם אבינו, וועלכער
איז געשטאָרבן? אויך די נביאים זענען געשטאָרבן;
54 פאַר וועמען מאַכסטו דיך? ישוע האָט געענטפערט:
אויב איך פאַרהערלעך מיך אַליין, איז מיין
כבוד גאָרנישט. עס איז מיין פאָטער, וועלכער